בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון



## פאר'ן שבת טיש

פרשת נח
ג מרחשון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 4
(56)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןאִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּערְגִיר וְעָנִי.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: צוּם עֶרְשְׁט אִיז דֶער 'בֶּערְגִיר'ס זוּן' פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן צוּם מִדְבָּר, עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דֶעם כְּתַב אִין אֵיינֶע פוּן דִי בֵּיימֶער, דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַלֶע בֵּיימֶער, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעפוּנֶען דֶעם כְּתַב. דֶערְנָאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין דֶער 'קֵיסָר', צוּלִיב דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן זֵייעֶר מָאדְנֶע, עֶר הָאט פַארְשִׁיקְט אַלֶע זַיינֶע גֶענֶערַאלְן, בִּיז מֶען הָאט בַּאשְׁלָאסְן אִים צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטָאט. דֶערְנָאךְ אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין דִי 'טָאכְטֶער פוּנֶעם קֵיסָר', זַייעֶנְדִיג פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ מַאן, וַוייל דֶער רוֹצֵחַ הָאט אִיר גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן אִיז זִי אַנְטְלָאפְן פוּן אִים.

אַלֶע דְרֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט אִינְאֵיינֶעם. דֶער 'בֶּערְגִיר'ס זוּן' הָאט זִיךְ שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוער עֶר אִיז, דֶער 'קֵיסָר' הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוער עֶר אִיז, אָבֶער דִי 'טָאכְטֶער פוּנֶעם קֵיסָר' אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט, זֶענֶען זֵיי יֶעדְן טָאג גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דֶעם כְּתַב בִּיז זִי הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן, זִי הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן בֶּערְגִיר'ס זוּן, אָבֶער עֶר הָאט עֶס אִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן מֵיינֶענְדִיג אַז זִי אִיז אַ מַאן, הָאט זִי זֵיי גֶעזָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל דָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְ'ן קֵיסָרְ'ס טָאכְטֶער, וֶועל אִיךְ עֶנְק אוֹיךְ גוּטְס טוּן".

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דִי אַלֶע דְרַיי אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ שִׁיף אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. וואוּ דִי קֵיסֶר'טִי זִיצְט. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וואוּ זִי זִיצְט דָארְטִין. אוּן זִי הָאבִּין אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט דִי שִׁיף הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסָר מְיַישֵּׁב גִיוֶועןְ. אַז זִי וֶועט תֵּיכֶף אוֹיס זָאגִין דֶער מוּטֶער. אַז זִי אִיז גִיקוּמֶען. קָאן זִי אוֹיסְגֵיין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִישִׁיקְט צוּ דֶער מוּטֶער. כַּאֲשֶׁר סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר הָאט אֵיין יְדִיעָה פוּן אִיר טָאכְטֶער.

### צוּבִּיסְלֶעךְ

דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ בְּשׂוּרָה, צוּבִּיסְלֶעךְ, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר שִׂמְחָה.

דֶערְנָאךְ אִיז זִי אַלֵיין גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער קֵיסֶר'טִי אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט. וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעטָאן מִיט אִיר טָאכְטֶער. אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן צוּם סוֹף הָאט זִי אִיר גִיזָאגְט (מִיט דֶעם לָשׁוֹן). אוּן זִי (דְהַיְינוּ דִי טָאכְטֶער) אִיז אוֹיךְ דָא. דֶערְנָאךְ הָאט זִי אִיר גִיזָאגְט דֶעם אֱמֶת. אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין. אוּן זִי הָאט אִיר מוֹדִיעַ גִיוֶועןְ. אַז אִיר חָתָן דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז אוֹיךְ דָא. נָאר זִי הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶער מוּטֶער. אַז זִי ווִיל אַנְדֶערְשׁ נִיט. נָאר אַז מֶען זָאל אוּמְקֶערִין קְרִיק אִיר פָאטֶער דֶעם קֵיסָר אוֹיף זַיין אָרְט. אוּן דִי מוּטֶער הָאט דָאס גָאר נִיט גִיוָואלְט. וָוארִין זִי אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶועןְ. וַוייל אִיבֶּער אִים אִיז דָאס אַלְץ גִיוֶועןְ.

### עֶר הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת

זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר מַאן אַז זַיין 'גַּאֲוָה' אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן נִישְׁט הָאבְּן 'הַכָּרַת הַטּוֹב' הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט דִי אַלֶע צָרוֹת, פַאר לַאנְגֶע יָארְן הָאט אִיר טָאכְטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דֶעם בָּחוּר. דֶערְפַאר הָאט זִי נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען מֶען זָאל צוּרִיק קֶערְן אִיר מַאן.

נָאר זִי הָאט גִימוּזְט צוּלִיבּ טָאן דָאס אִיר טָאכְטֶער. הָאט מֶען גִיוָואלְט אִים אוּמְקֶערִין (דְהַיְינוּ דֶעם קֵיסֶר) הָאט מֶען גִיזוּכְט דֶעם קֵיסֶר. אוּן עֶר אִיז גָאר נִיט דָא. הָאט אִיר דִי טָאכְטֶער אוֹיס גִיזָאגְט אַז דֶער קֵיסֶר אִיז אוֹיךְ דָא מִיט זֵיי. אִיז גִיוֶועןְ דִי חַתוּנָה. אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אִין גַאנְצִין. אוּן דִי מְלוּכָה אוּן דָאס קֵיסָרִית הָאבִּין זֵיי אָפְּגִינוּמֶען. דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר וָואס זֵיי הָאבִּין חַתוּנָה גִיהַאט. אוּן זֵיי הָאבִּין מוֹלֵךְ בְּכִיפָּה גִיוֶועןְ. דְהַיְינוּ זֵיי הָאבְּן גִיקִינִיגְט אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אָמֵן וְאָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט אוֹיךְ דֶער אַלְטֶער קֵיסֶר קֵיין גְדוּלָּה נִיט גִיהַאט וָוארִין סֶע אִיז אַלְץ אִיבֶּער אִים גִיוֶועןְ: דֶער בֶּערְגֶער הָאט גִיהַאט גְרוֹיס גְדוּלָּה עֶר אִיז דֶעם קֵיסֶרְ'ס פָּאטֶער וָואס עֶר אִיז דֶער עִיקָר: דֶעם מַאטְרָאס הָאט מֶען אָן גִיפַּאטְשְׁט אָן גִיפַּאטְשְׁט אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

בַּיי לוֹט שְׁטֵייט הֶהָרָה הִמָּלֵט דָאס אִיז אַ בֶּערְגִיר. אוּן פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס מָשִׁיחַ: יוּדִין הָאבִּין אִין מִצְרַיִם גִיהַאט סִימָנִים וֶוער דֶער גוֹאֵל וֶועט זַיין וְכוּ'.

### קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל

וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער סִימָן אִין מִצְרַיִם וֶוער דֶער אֱמֶת'עֶר גוֹאֵל אִיז? שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה, ה, יג) דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט מְקוּבָּל פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶוער עֶס וֶועט זֵיי זָאגְן: "פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם", גֶעדֶענְקְן הָאבּ אִיךְ עֶנְק גֶעדֶענְקְט, אוֹיסְצוּלֵייזְן פוּן מִצְרַיִם - דֶער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער גוֹאֵל, דֶערְפַאר וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ג, טז): "**פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם**", הָאבְּן דִי אִידְן עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא, אוֹיבּ אִין גַאנְץ מִצְרַיִם הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם סִימָן, גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם סִימָן, פַארְוָואס הָאט זִיךְ קֵיינֶער זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן דָאס גֶעזָאגְט, יֶעדֶער וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן: "**מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט עֶנְק אוֹיסְלֵייזְן!**" הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אַ אֱמֶתְ'עֶ פְּשַׁט, דֶער סִימָן אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין סוֹד, וֶוער עֶס ווִיל קֶען קוּמֶען דָאס זָאגְן, אָבֶער קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל, מֶען הָאט מוֹרָא דָאס אַרוֹיסְצוּזָאגְן פוּן מוֹיל, אֵיינֶער וָואס זָאגְט עֶס - מוּז זַיין עֶר אִיז דֶער גוֹאֵל צֶדֶק.

## בָּחוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק לִיבּ!

אַלֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר וָואלְטְן גֶעקֶענְט זָאגְן: "**בָּחוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק לִיבּ!**" אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, יֶעצְט דַארְף מֶען זַיין עֶרְנְסְט... וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא אַרוֹיסְצוּזָאגְן פוּן מוֹיל: "**פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט עֶנְק הֶעלְפְן!**" אַזוֹי אִיז עֶס, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין חִיזוּק פוּן מוֹיל, קוֹדֶם דַארְף מֶען זַיין פַארְנוּמֶען מַאכְן עֶרְנְסְט דִי מַצָּב, זֶען צִי אַלֶעס קְלַאפְּט שׁוֹין, אוּן דֶער גוֹאֵל צֶדֶק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט אוּן אִיז מְחַזֵּק דִי אִידְן.

**אוּן אוֹיף דֶעם גוֹאֵל וָואס סֶע וֶועט קוּמֶען אִיז בְּוַדַּאי אוֹיךְ דָא סִימָנִים.**

## וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן - דָאס זָאגְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי

וָואס זֶענֶען דִי סִימָנִים פוּן מָשִׁיחַ? דֶער רֶבִּי הָאט עֶס שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "**צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה**"; וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - דָאס וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן - דָאס זָאגְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר

וָואס וֶועט זַיין מָשִׁיחַ'ס דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט שׁוֹין מִיט אוּנְז? מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ!**" "**רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**" "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר**".

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן וִידּוּי?...

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ צֶעטְל וָואס עֶנְטְהַאלְט טַייטְשׁ אוֹיף דִי 'עַל חֵטְא' וָואס מֶען זָאגְט אוּם יוֹם הַקָּדוֹשׁ, דֶעם צֶעטְל טֵיילְט מֶען אוֹיס אִין סְקוּל, שְׁטֵייט דָארְט אָנְהֵייבּ צֶעטְל: "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִינֶען דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וִידּוּי הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען!" דִי לֶערֶערִינְס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת נָאר דָאס, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן וִידּוּי?! אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אִין דִי סְקוּלְ'ס...

## אָשַׁמְנוּ - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט...

פַארְוָואס דַארְף מֶען וִויסְן דִי טַייטְשׁ פוּן דִי עַל חֵטְא'ס? אִיךְ קֶען נָאכְצַאלְן נִישְׁט דִי פוּנְקְטְלִיכֶע אָפְּטַייטְשׁ אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּן יֶעדֶע וִידּוּי, וָואס טַייטְשְׁט: אָשַׁמְנוּ. בָּגַדְנוּ. גָּזַלְנוּ. דִּבַּרְנוּ דֹּפִי. הֶעֱוִינוּ?! אִיךְ טַייטְשׁ אַזוֹי: **אָשַׁמְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **בָּגַדְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **גָּזַלְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **דִּבַּרְנוּ דֹּפִי** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **הֶעֱוִינוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. א.א.וו.

## וָואס טַייטְשְׁט דִי וָוארְט: 'וּתְמַגֵּר'?

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וָואס טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בְּבִרְכַּת וְלַמַּלְשִׁינִים): "**וּתְמַגֵּר**"? נָאר מֶען קוּקְט נֶעבְּן וֶועמֶען שְׁטֵייט עֶר, וָואס שְׁטֵייט פַארְדֶעם: "**תְעַקֵּר וּתְשַׁבֵּר**", וָואס שְׁטֵייט נָאכְדֶעם: "**וּתְכַלֵּם וְתַשְׁפִּילֵם וְתַכְנִיעֵם**", וֵוייסְט מֶען שׁוֹין "**וּתְמַגֵּר**" - אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס פוּן דִי מִשְׁפָּחָה פוּן וֶוערְן אוֹיס, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִי רְשָׁעִים, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט: אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ וְכוּ' - אַלֶעס מֵיינְט אֵיין זַאךְ: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!**"

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַלֶע "**וּבְכֵן'ס**" וָואס מֶען זָאגְט יָמִים נוֹרָאִים בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אַלֶעס הָאט דִי זֶעלְבֶּע טַייטְשׁ: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן**".

## זָאג אִים אֵיין טַייטְשׁ

דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר זֶענֶען אַיין זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים: "דִי וָוארְט טַייטְשְׁט אַזוֹי", "דִי וָוארְט טַייטְשְׁט אַזוֹי", אוּן "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען"... זָאג אִים אֵיין טַייטְשׁ אוֹיף אַלֶעס: "**אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**". דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק".

## דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים דָאס זֶענֶען דִי סִימָנִים

דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים דָאס זֶענֶען דִי סִימָנִים פוּנֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ**", "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ**" - דֶער אִיז מָשִׁיחַ.

## יֶעצְט דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵייליךְ

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען אַ מַעֲשֶׂה פוּן אֵיינֶע פוּן דִי צַדִּיקִים, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער וֵויינְט יוֹם כִּפּוּר אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ גְרוֹיסֶע מָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "**בַּיינַאכְט וֶוען דוּ וֶועסְט אוֹיסְפַאסְטְן אוֹיף אַ שְׁטִיקְל קוּכְן דֶערְמָאלְט קֶענְסְטוּ וֵויינֶען וִויפִיל דוּ וִוילְסְט, יֶעצְט דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵייליךְ, מִיר זֶענֶען פְרֵייליךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל דִי עֲבֵירוֹת**"; אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן.

מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן אִיטְלִיכְן יוּדִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אִיטְלִיכְן טָאג:

## הָאסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

מָשִׁיחַ וֶועט דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן מִיט אִים יֶעדְן טָאג, מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן: "**דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אוּן הָאסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן**", "**דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ אוּן הָאסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן**", "**דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, הָאסְט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיפְרֶעגְן, הָאסְט גֶעשְׁפִּירְט וִוי 'עַד כַּאן' - אַלֶעס הָאט אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעהָאלְפְן אוּן נָאכְצַאלְץ רֶעדְט זִי אַזוֹי צוּ מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן גֵיי אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ גֵיי אִיר נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ גֵיי אִיר נָאכְאַמָאל הֶעלְפְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה**"; אַז מֶען וֵוייסְט דָאס פוּן פָארְאוֹיס, אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיז גְרִינְגֶער דִי נִסָּיוֹן.

## עֶס גֵייט זַיין אַ לַאנְגֶע פָארְזֶעצוּנְג

דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה, לד, ח) זָאגְט, וֶוען רְאוּבֵן וָואלְט גֶעווּאוּסְט עֶס וֶועט שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה עֶר הָאט גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען יוֹסֵף, וָואלְט עֶר אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְ'ן אַקְסְל אוּן אַהֵיימְגֶעטְרָאגְן צוּם טַאטֶען. רְאוּבֵן הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ וֶועל הֵייסְן אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם יוֹסֵף אִין גְרוּבּ אוּן בַּיינַאכְט וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען אִים רַאטֶעוֶוען', אָבֶער וֶוען עֶר וָואלְט גֶעווּאוּסְט דִי תּוֹרָה גֵייט דָאס שְׁרַייבְּן, עֶס גֵייט וֶוערְן דֶערְפוּן אַ פָּסוּק וָואס אַלֶע אִידְן וֶועלְן לֵיינֶען, וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן יוֹסֵף אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה אִים צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם טַאטֶען. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן אַלֶע יָארְן בַּיים שִׁיעוּר, פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה, א): "**זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם**", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ סֵפֶר פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן, עֶס גֵייט זַיין אַ לַאנְגֶע פָארְזֶעצוּנְג, אִין אָנְהֵייבּ וֶועט שְׁטֵיין פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְנָאךְ וַיְהִי אַחַר וְגוֹ' - עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט... אַזוֹי וֶועט שְׁטֵיין אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן מִיט אִים יֶעדְן טָאג.

## מַיין נִסָּיוֹן גֵייט שְׁטֵיין אִין אַ סֵפֶר

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן 'מַיין נִסָּיוֹן גֵייט שְׁטֵיין אִין אַ סֵפֶר', 'דִי נִסָּיוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעם פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס, עֶס אִיז אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ 'פְּלַאץ' - דָאס גֵייט אַרַיינְגֵיין אִינֶעם סֵפֶר', וֶועט עֶר זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין נִסָּיוֹן, וואוּסֶענְדִיג מָשִׁיחַ וֶועט אַלֶעס שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן.

## פְּרוּבִּיר אִים צוּ גֵיין אוֹיף דִי נֶערְוְון...

עֶס אַז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְקָאצְק

זכותו יגן עלינו בעטנדיג א עצה ער זאל זיך קענען שטארקן אויף די שלעכטע מדה פון כעס, האט אים דער רבי געזאגט: "ווארט דא אין א דרויסנדיגע צימער ביז איך וועל דיר רופן", דער רבי רופט אריין דעם גבאי און זאגט אים הויך (כדי דער איד וואס איז יעצט אינדרויסן זאל הערן): "פרוביר אויפצוּרעגן דעם מענטש, פרוביר אים צו גיין אויף די נערוון..." (דער איד האט אלעס אונטערגעהערט), דער גבאי קומט אריין אין דעם צימער, געבנדיג א האק אריין אין אים, דער גבאי רופט זיך אן: **"אוי, אנטשולדיגט, זיי מיר מוחל"**, דער איד בלייבט רואיג און שמייכלט (וואוסענדיג דער רבי פרובירט אים יעצט אויס), זאגט ער פאר'ן גבאי: **"עס איז גארנישט, אלעס קומט פונעם אייבערשטן"**, אפאר מינוט שפעטער קומט דער גבאי נאכאמאל אריין מיט א קאווע אין די האנט און גייט אים דורך אויסגיסנדיג די גאנצע קאווע אויף אים... דער גבאי זאגט אים נאכאמאל: **"אוי, אנטשולדיגט, זיי מיר מוחל"**, ענטפערט דער איד נאכאמאל: **"עס איז גארנישט, אלעס איז מן השמים"**, אפאר מינוט שפעטער קומט דער גבאי אריין א דריטע מאל מיט א בענקל אין די האנט, געבנדיג פאר דעם איד א געזונטע זעץ אין ריקן... דער גבאי זאגט אים א דריטע מאל: **"אוי, אנטשולדיגט, זיי מיר מוחל"**, ענטפערט דער איד: **"עס איז גארנישט, גם זו לטובה"**.

## איך בין יעצט אויף פראבע

דערנאך רופט אים דער רבי צוריק אריין און זאגט אים: "איך זע נישט דו זאלסט עפעס ליידן פון 'כעס', איך האב יעצט מיטגעהאלטן דריי מעשיות ווי דו האסט זיך גארנישט אויפגערעגט", ענטפערט דער איד: "יעצט איז נישט געווען קיין קונץ זיך איינצוהאלטן, איך האב זיך אונטער געהערט ווי דער רבי זאגט פאר'ן גבאי ער זאל מיר אויספרובירן, דערפאר האב איך זיך נישט אויפגערעגט", זאגט אים דער רבי: דאס מאכט מען צו דיר יעדן טאג פון הימל, אלעס איז נאר אן אנשטעל, יעדע זאך וואס דו גייסט אריבער, צום ביישפיל, איינער האט דיר אנגעגאסן, איינער האט אריינגעהאקט אין דיר, אלעס איז פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער זאגט: לאמיר זען צי דו גייסט זיך אויפרעגן, דער מענטש כאפט נישט, דער מענטש איז פארוואלגעלט, ער פארגעסט אז אלעס איז פונעם אייבערשטן, אבער ווען דער מענטש זאל וויסן איך בין יעצט אויף פראבע, מען האלט אלעס מיט פון הימל - וואלט ער זיך געשטארקט אויף זיין נסיון מיט שמחה.

## ביז איינער הייבט אויף דעם טשעק...

איך האב געהערט, עס איז דא א געוויסע קאמפעני וואס שטעלן אונטער מעשיות און כאפן עס אפ, דערנאך ווייזן זיי עס פאר די גאנצע וועלט. צום ביישפיל, מען זעט ווי זיי לייגן אראפ אויף די ערד פארנט פון א באנק, א טשעק פון 'צען טויזנט דאלער', דערנאך גייען דורך עטליכע מענטשן וואס זעען דעם טשעק און גייען ווייטער, זיי מאכן זיך נישט וואוסענדיג דערפון, ביז איינער דערבארעמט זיך און הייבט אויף דעם טשעק, ער פרובירט געוואויר ווערן וועמענס דאס איז, ער גייט אריין אין באנק און פרעגט וועמענס דאס איז, פלוצלינג קומען ארויס די וואס האבן דאס אונטערגעשטעלט, און זאגן אויס דעם סוד אז זיי האבן עס אונטערגעשטעלט; זיי ווייזן פאר די גאנצע וועלט דעם מענטש וואס האט אזוי רחמנות געהאט צוריקצוגעבן אזא ריזיגע סומע געלט...

## ער שטעקט ארויס זיין קאפ פון די בעט...

אדער מאכן זיי א אנדערע מעשה, זיי נעמען א מענטש, אינמיטן די קאלטע ווינטער נעכט, זיי לייגן אים אריין אין א בעט און לייגן אים אראפ אינמיטן מאנהעטן, מען זעט ווי עס גייען דורך הונדערטער מענטשן, און ער שטעקט ארויס זיין קאפ פון די בעט זיך ווארפנדיג פאר קעלט און קיינער מאכט זיך נישט וואוסענדיג פון אים, ביז איינער שטעלט זיך אפ און טוט זיך אויס זיין מאנטל און געבט עס פאר יענעם. פלוצלינג קומען ארויס די וואס האבן דאס אונטערגעשטעלט, און זאגן אויס דעם סוד אז זיי האבן עס אונטערגעשטעלט, און זיי ווייזן פאר די גאנצע וועלט דעם מענטש וואס האט אזוי רחמנות געהאט אויף דעם מענטש. אזוי טוט דער אייבערשטער, ער שטייט אונטער יעדע נסיון קוקנדיג ווי אזוי דער מענטש וועט זיך דערהאלטן.

## ווי אזוי האסטו עס געמאכט?!

משיח וועט דערציילן: "דעם פרייטאג צונאכטס האסטו געשפירט ווי דו ווערסט גערעגט, למעשה האסטו זיך נישט אויפגערעגט נאר געבליבן מיט א שמייכל"; "דעם שבת האבן דיר דיינע קינדער אויפגעוועקט"; "דעם טאג האט דיר איינער אנגעגאסן מיט קאווע"; דעם טאג האט דיר איינער צוגענומען דיין זאך"; "דעם שבת האט מען דיר נישט אריינגעלאזט אהיים", א אינגערמאן דערציילט מיר, ער איז אראפגעגאנגען צו א 'שלום זכר' ווען ער קומט אהיים זעט ער זיין ווייב האט צוגעשפארט די טיר, "דו האסט געזאגט דו גייסט נאר פאר צוויי מינוט, למעשה האט עס גענומען צוויי שעה! ווילאנג דארף איך ווארטן?" משיח וועט דערציילן ווי ער האט זיך נישט פארלוירן, ער האט נאכאמאל געקלאפט אויפ'ן טיר, ביז זי האט געעפענט די טיר און איר איבערגעבעטן, משיח וועט דאס אלעס דערציילן, און משיח וועט פרעגן: **"ווי אזוי האסטו עס געמאכט, ווי אזוי האסטו געהאט די שטארקייט זיך נישט אויפצורעגן?!"**

תמר האט אויך פארלוירן די סימנים. אזוי ווי אין מדרש שטייט. און אז מען האט זי געוואלט פארברענען איז געקומען דער ס"מ און האט פון איר דערווייטערט די סימנים. און דער מלאך גבריאל איז געקומען און האט זיי צו איר אפ געבראכט. אזוי ווי אין מדרש שטייט און פון איר קומט ארויס משיח. במהרה בימינו אמן.

דאס האט אליין דער רבי ז"ל געשמועסט נאך דער מעשה כדי מען זאל זיך קענען עפעס שטויסן ווי ווייט די מעשה דערלאנגט. אז וואויל איז דעם וואס ער וועט זוכה זיין צו וויסן דעם סוד פון די מעשיות אפילו אויף יענער וועלט.

דאס וואס דא שטייט אין דער מעשה ווי איטליכער קומט מיט זיין שיר. און א טייל ענטפערט מען דורך איין שליח וכו' כנ"ל. אזוי איז פאר האנדין כמה גרויסע לייט. וואס אטליכער טוט וואס ער טוט. און איטליכער פאריט זיך און וויל דערלאנגען דעם רעכטן תכלית. און קיינער איז ניט זוכה צום רעכטען תכלית צום אמת. נאר דער וואס ער איז ראוי דערצו. און א טייל ענטפערט מען דורך איין שליח. אדער פון אונטער דער וואנט. אדער מען ווייזט זיי ארויס דאס פנים וכו' אזוי ווי אין דער מעשה שטייט. נאר צום סוף אז זיי גייען אוועק פון דער וועלט. ענטפערט מען זיי. אז זיי האבין נאך גאר ניט גיטאן. אזוי ווי אין דער מעשה שטייט ווי די יפת תואר האט צום סוף זיי גיענטפערט די וואסערין זענען אבער איבער דיר נאך ניט אריבער גיגאנגען. ביז סע וועט קומען דער רעכטער מנהיג במהרה בימינו אמן. דאס האט אויך דער רבי ז"ל גישמועסט.

## דער רבי ברענגט אונז צום אייבערשטן

ברוך השם מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן, דער רבי לערנט אונז אזעלכע הויכע זאכן, דער רבי נעמט אונז פשוט'ע מענטשן, אזוי ווי מיר זענען אויס, און ברענגט אונז צום אייבערשטן. דאס איז דאך אזא גרויסע מופת, יעדער ווייסט דאך ביי זיך 'ווי אזוי זע אויס איך', 'וואס בין איך', 'וואס טראכט איך', 'וואס וויל איך', דער רבי נעמט מיר און מאכט מיר עפענען יעדן טאג א חומש.

מארגן הייבן מיר אן די לעצטע סדרה, פרשת וזאת הברכה, איך לאך זיך אויס פון די גאנצע וועלט, איינער קומט דיר זאגן: "אפשר דארף מען פארשטיין ווען מען לערנט?" פרעג אים: "דו האסט געענדיגט חמשה חומשי תורה? יא?!" ערשטנס, ביסט א ליגנער, דו האסט נישט געענדיגט גאנץ חמשה חומשי תורה, אויסער אויב דו ביסט טאקע א ירא שמים, אחד בעיר ושנים במשפחה ענדיגן די סדרה יעדע וואך. צווייטנס, פאר איך בין געקומען צום רבי'ן האב איך אויך מעביר סדרה געווען, אבער עס האט נישט געהאט קיין חיות, איך האב עס געטון ווייל איך בין א איד, מוז איך עס טון, א ברירה האב איך?

## איך מוז, איך מוז

איך האב אלעס געטון אבער אן קיין חיות, אלעס איז געווען ווייל 'איך מוז', איך מוז גיין מיט פאות, איך מוז אנטון תפילין, איך מוז דאווענען

שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, אִיךְ מוּז הִיטְן שַׁבָּת; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהִיטְן שַׁבָּת מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אָבֶּער זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שַׁבָּת? גֵיין אִין גַאס און זָאגְן: "יְיַישַׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד" "יְיַישַׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הִיט שַׁבָּת", דָאס בַּאקוּם אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן.

### וְועלְכֶע קַאטֶעגָארִיעֶ, פוּן דִי וָואס דְזְשַׁאגֶע"ן אָדֶער פוּן דִי וָואס בֵּייקְ"ן? ...

הַיינְט גֵייעֶנְדִיג אִין גַאס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וִויאַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען לְהַבְדִּיל אַ גוֹי, וְועלְכֶע קַאטֶעגָארִיעֶ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען? צִי פוּן דִי וָואס דְזְשַׁאגֶע"ן (לוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּ מַאכְן אִיבּוּנְגֶען) אָדֶער פוּן דִי וָואס בֵּייקְ"ן (פָארְן מִיט אַ בֵּייק אַ גַאנְצְן טָאג צוּ מַאכְן אִיבּוּנְגֶען)... אָדֶער וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען פָארְנְט פוּן אַ זַאל און גֶעהַאלְטְן דְרָשׁוֹת אִין אַ מֵייק און גֶעמַאכְט מִיט דִי הֶענְט (דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֵייט אַהֵיים פוּן שׁוּל בַּאגֶעגְנְט מֶען אִינְמִיטְן וֶועג גֶעוִויסֶע גוֹיִם וָואס שְׁטֵייעֶן און הַאלְטְן דְרָשׁוֹת אִין אַ מֵייק און מַאכְן מִיט דִי הֶענְט)... וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן? יְיַישַׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד און אִיךְ הִיט שַׁבָּת', וֶוער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן? וֶוער מַאכְט מִיר דָאס טְרַאכְטְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי!

### אַ טַעַם אֲפִילוּ אִין אַ פַּאֶ"פּ אָ"פּ סוּכָּה!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קוּם פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן חָשׁוּבֶ'ע אִידְן, פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער אַ חִיּוּת אִין אִידִישְׁקֵייט, אַ חִיּוּת אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַ חִיּוּת אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אַ חִיּוּת אַז אִיךְ טוּ אָן תְּפִלִּין, אַ חִיּוּת אַז אִיךְ דַאוֶוען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, אִידִישְׁקֵייט זָאל הָאבְּן אַ טַעַם, סוּכּוֹת זָאל הָאבְּן אַ טַעַם - דָאס בַּאקוּמְט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן.

אֵיין יָאר עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן זַיין רֶבִּי ר' נָתָן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ דָאס אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן, שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב". דָאס הָאבּ אִיךְ אַלֶּץ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אַז מֶען הָאקְט אַלֵיינְס בְּרֶעטֶער, מֶען מַאכְט הֵיימִישֶׁע סְכָךְ, מֶען מַאכְט הֵיימִישֶׁע וֶוענְט - דַאן שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב, נָאר אַ מָאדֶערְנֶער אִיד בּוֹיט נִישְׁט קֵיין סוּכָּה, עֶר אִיז יוֹצֵא מִיט אַ פַּאֶ"פּ אָ"פּ סוּכָּה. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָּׁה פוּן סוּכּוֹת", וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט!" דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אֲפִילוּ אִין אַ פַּאֶ"פּ אָ"פּ סוּכָּה!

### מֶען שְׁרֵייט בְּשַׁעְתְּ'ן בּוֹיעֶן אַזוֹי ווִי דוֹר הַפְּלָגָה...

אִיךְ פְלֶעג אַלְס קִינְד אַרוֹיסְקוּקְן פוּן אוּנְזֶער סוּכָּה אִין בָּארָא פַּארְק, זֶען ווִי אִידְן הָאבְּן דִי פַּאֶ"פּ אָ"פּ סוּכּוֹת, אַ סוּכָּה פוּן סְחוֹרָה, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: 'דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין סוּכָּה, אַ סוּכָּה מֵיינְט פוּן גֶעהֶערִיגֶע בְּרֶעטֶער מִיט אַ שְׁלַאק, און מֶען שְׁרֵייט בְּשַׁעְתְּ'ן בּוֹיעֶן אַזוֹי ווִי דוֹר הַפְּלָגָה...' אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין סוּכָּה אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶערוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### וואו ווִישְׁטוּ זִיךְ אָפּ יֶעדֶעס מָאל דִי הֶענְט?...

אַלֶעס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען אַ חִיּוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֵייעֶן: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ זִיץ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער בַּיים טִישׁ. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, דוּ גֵייסְט צוּ אַ חֲתוּנָּה, דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן עֶסְן דִי פִישׁ, אִינְמִיטְן קְלַאפְּט אֵיינֶער: "**צְדָקָה**", דוּ ווִישְׁט זִיךְ אָפּ דִי הֶענְט, נֶעמְסְט אַרוֹיס אַ קְווָאדֶער פוּן טַאשׁ און גֶעבְּסְט אִים, דוּ הֵייבְּסְט נָאכְאַמָאל אָן עֶסְן, עֶס קוּמְט נָאךְ אֵיינֶער: "**צְדָקָה**", ווִישְׁטוּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אָפּ דִי הֶענְט וְכוּ' וְכוּ', דָאס קֶען נָאךְ דוּרְכְגֵיין ווַייל עֶס אִיז אֵיינֶער אוֹיף אַמָאל, אָבֶּער פִּירְן אַ שַׁבָּת טִישׁ, וָואס טוּסְטוּ וֶוען עֶס אִיז פִינְף קִינְדֶער, אֵיינֶער דַארְף חַלָּה, אֵיינֶער דַארְף סֶעלְצֶער, אֵיינֶער דַארְף דָאס, אֵיינֶער גֶעבְּט אַ שְׁטִיפּ דִי בְּרוּדֶער, וואו ווִישְׁטוּ זִיךְ אָפּ יֶעדֶעס מָאל דִי הֶענְט?... דֶערְפַאר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן אָפּ 'אִיךְ פָאר אַוֶועק אוֹיף שַׁבָּת אִין אַ הָאטֶעל, וָואס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ פְּרָאגְרַאם פַאר דִי קִינְדֶער'.

### עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ

אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָּה גֶעהַאט, אַ מְחַיֶּה אִיךְ בִּין אַ טַאטֶע, אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, אַ מְחַיֶּה עֶס אִיז שַׁבָּת, אַ מְחַיֶּה עֶס גִיסְט זִיךְ סָאדֶע, אַ מְחַיֶּה עֶס גִיסְט זִיךְ גְרֶעפּ דְזְשׁוּס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עירובין סה:): "**כָּל שֶׁאֵין יַיִן נִשְׁפָּךְ בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ כַּמַּיִם אֵינוֹ בִּכְלַל בְּרָכָה**", אַ הוֹיז וואו עֶס גִיסְט זִיךְ נִישְׁט וויין אַזוֹי ווִי וַואסֶער אִיז דָארְט נִישְׁט דָא קֵיין בְּרָכָה; עֶס מֵיינְט נִישְׁט מֶען דַארְף גֵיין אוֹיסְגִיסְן וויין, נָאר אוֹיבּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס וויין זָאל עֶס זַיין אַזוֹי ווִי וַואסֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ. דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### עֶס צִיט אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים און בַּאנֵייעֶן דָאס הִתְקָרְבוּת, מִיר זֶענֶען דָאךְ יֶעצְט גֶעוֶוען אִין אוּמָאן בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן, דַארְף מֶען אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דָאס פְרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל מִיר נִישְׁט זַיין אַ אַלְטֶע זַאךְ

אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, אַלְט אִיז אַ סַכָּנָה; דָאס הָאבּ אִיךְ אִינְזִין גֶעהַאט גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי דִי תְּפִלּוֹת פוּן (תפלת שמע קולנו) "אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ מִלְּפָנֶיךָ וגו'", "אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ לְעֵת זִקְנָה וגו'", "אַל תַּעַזְבֵנוּ וגו'", **הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל נִישְׁט וֶוערְן אַלְט, וָואס מֵיינְט נִישְׁט זַיין אַלְט?** אַוַודַאי ווִיל אִיךְ וֶוערְן אַלְט, אִיךְ ווִיל לֶעבְן אַכְצִיג נַיינְצִיג יָאר, וָואס מֵיינְט נִישְׁט זַיין אַלְט? אַז אִיךְ זָאל אֵייבִּיג קֶענֶען לוֹיפְן? אִיךְ הָאף צוּ גֵיין שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער... נָאר אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין הִתְקָרְבוּת צוּ דִיר זָאל נִישְׁט זַיין אַלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל מִיר נִישְׁט זַיין אַ אַלְטֶע זַאךְ, וַוארְף מִיר נִישְׁט אַוֶועק אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן מִיט דִיר**".

### מֶען קֶען אוֹיךְ יוֹצֵא זַיין מִיט 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'

מַאכְטְס עֶנְג שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מֶען קֶען אוֹיךְ יוֹצֵא זַיין מִיט 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', עֶס עֶנְטְהַאלְט שֵׁיינֶע בְּרִיוְון אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע 'קוּנְטְרֵסִים', קוּקְט אַרַיין אִין דֶעם. זַייט נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן 'פַאר וֶועמֶען אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶעם בְּרִיו?' 'פַאר וֶועמֶען אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶעם בְּרִיו?' דָאס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר קֵיינֶעם פוּן דָאהִי, אַלֶעס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִידְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן לָאנְדָאן... נָאךְ אַ בְּרִיו זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, נָאךְ אַ בְּרִיו פוּן גֵיין לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, נָאךְ אַ בְּרִיו פוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

דִי וָואךְ [פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ] אִין דִי קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען, קוּקְט אַרַיין דִי וָואךְ אִין אִישׁ אֱמוּנוֹת, אַ בְּרִיו וֶועגְן שְׁכֵנִים, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען וואוֹינֶען מִיט שְׁכֵנִים, וֶוען אִיךְ לֵיין עֶס טְרַאכְט אִיךְ: 'אַזֶעלְכֶע בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף!'

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אַז מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶועט מֶען נִישְׁט וֶוערְן אַלְט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ, אַשְׁרֵינוּ, אַשְׁרֵינוּ.**

**(הערליכע שיחות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט נאכ'ן שיעור וועט נאכפאלגן קומענדיגע וואך אי"ה.)**